גוט שבת אלע אידן. די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור זענען זייער פארנומענע טעג. פאר די אידן וואס פארקויפן סוכות איז עס נאך מער א פארנומענע צייט. ווען ר' דוד בנהארוש'ס פעטער האט אים גערופן אים צו העלפן מיט די סוכות ערב שבת שובה, האט ר' דוד גלייך מסכים געווען אים צו העלפן. ר' דוד איז געפארן נאכן דאווענען ביים נץ, פון לעיקוואוד קיין ברוקלין צו העלפן דעליווערן סוכות. זיין פעטער האט אים געגעבן א גאנצע ליסטע פון מענטשן און ר' דוד איז ארומגעפארן גאנץ בארא פארק און פלעטבוש דעליווערן סוכות מיט זיין פעטער'ס טראק.

סוף כל סוף נאך א לאנגע שווערע טאג, האט דוד געענדיגט זיין עבודה. ער האט אראפגעלייגט א סוכה ביי איינעם און ער איז צוריקגעגאנגען צום גרויסן טראק צו קוקן אויפן זייגער צו זען ווי שפעט עס איז געווען. ער איז איבערראשט געווארן צו זען אז עס איז געווען נאר עטליכע שעה פאר שבת. ער האט זיך מיישב געווען אז ער האט נישט גענוג צייט צוריקצוברענגען דעם גרויסן טראק קיין ברוקלין און דערפאר האט ער גענומען פארן גלייך אהיים קיין לעיקוואוד מיט דעם טראק, לאזענדיק זיין אייגענע קאר אין ברוקלין. פאר ער איז אוועקגעפארן האט ער שנעלערהייט אהיימגערופן צו זאגן אז ער וועט פרובירן אנצוקומען פאר שבת, אבער ער איז נישט זיכער געווען אז עס וועט זיין מעגליך, ווייל ער האט געארבעט אזוי שפעט. איז טאמער וועט ער ח"ו נישט אנקומען בעפאר שבת, זאל מען נישט מורא האבן.

אפילו ר' דוד האט נישט געזען ממש, האט ער געוואוסט אז זיין בני בית זיצט און זאגט תהלים אז ער זאל אהיימקומען בשלום בעפאר שבת. בקיצור, איז ער געפארן אויפן ריזיגן "ווערעזאנו" בריק קיין סטעטען איילאנד און גלייך דערנאך אריין קיין ניו דזשערסי. און דארט איז ער אויפגעהאלטן געווארן אין שווערן טרעפיק. ער איז געפארן ממש אן אינטש יעדע מינוט, און צוביסלעך האט ער אנערקענט אז ער וועט נישט אנקומען בעפאר שבת. ער האט נישט געהאט קיין סעלפון און ער האט זיך נישט געקענט אפשטעלן דארט אינמיטן וועג צו אהיימרופן.

ווען ער איז אנגעקומען צו א געוויסע שאפינג סענטער אין ניו דזשערסי, האט ער געוואוסט אז ער מוז זיך דארט אפשטעלן ווייל עס איז געווען עטליכע מינוט פארן זמן, און ער האט געהאט נאך א היבשע מהלך צו פארן. ער האט זיך געפינען לעבן דעם ארויפגאנג צו דעם הייוועי וואס קומט אן קיין לעיקוואוד. ער האט נישט געקענט פארן מער, ווייל עס איז געווען באלד פאר די זמן. ער האט אויסגעליידיגט זיינע טאשן און ער האט אלעס געלייגט אין דעם טראק און עס צוגעשפארט. ער האט גלייך גענומען זוכן א היטש צו קענען אנקומען ווי נענטער צו לעיקוואוד פון וואו ער וועט שוין קענען גיין צו פיס אהיים.

דער ערשטער קאר האט זיך אפגעשטעלט און ער האט אים געפרעגט צוויי שאלות, קודם אויב יענער פארט אויפן וועג צו דעם געגענט פון לעיקוואוד, און צווייטענס אויב יענער איז א איד. דער דרייווער פונעם קאר וואס האט זיך אפגעשטעלט האט זיך געוואונדערט וועגן די שאלה און ער האט אים געענטפערט "יא" צו ביידע שאלות. "נעבאך," האט ר' דוד געטראכט צו זיך, ווייל עס איז געווען באלד פאר שבת.

די נעקסטע דרייווער וואס האט זיך אפגעשטעלט האט געזאגט אז ער איז נישט קיין איד און ער וועט אים ברענגען ווי נענטער צו לעיקוואוד עס איז שייך געווען. אפילו אז עס איז געווען באלד פאר די שקיעה, האט ר' דוד געמעגט פארן אין דעם גוי'ס קאר ווייל ער איז געווען אין א פלאץ וואו ער וועט נישט האבן קיין עסן גאנץ שבת, און עס קען זיין אז עס וועט אפילו אויך זיין א סכנה צו איבערנעכטיגען אין סתם ערגעץ נישט. אין אזא פאל האבן די חכמים מתיר געווען צו באנוצען א גוי אין בין השמשות. (אין יעדען פאל מוז מען פרעגן א מורה הוראה וועלכע זאכן זענען מותר בין השמשות, ווען עס איז דא א גרויסע צורך).

בקיצור, איז דער גוי געפארן בערך 20 מינוט ווען ער איז אראפגעפארן פונעם הייוועי, זאגענדיק צו דוד, אז ער פארט נישט מער אויף דוד'ס וועג קיין לעיקוואוד. זיי זענען געווען אויף "אלד ברידגזש ראוד" וואס איז בערך א האלבע שעה פארן מיט א קאר קיין לעיקוואוד. דוד האט זיך געמאכט אזוי ווי ער קען נישט עפענען דעם טיר, ווייל ער האט מורא געהאט אז עס וועט אנצינדען דעם לייט, און עס איז געווען שוין נאך די שקיעה. דער גוי האט געעפענט די טיר פאר אים און דוד האט דעם גוי שטארק באדאנקט. ער האט סיי ווי סיי נישט געקענט פארן אסאך ווייטער ווייל עס איז געווען כמעט נאכט פאר אים.

דוד איז געשטאנען אויפן זייט פונעם וועג. וואס זאל ער יעצט טון? ער האט ארויפגעקוקט אויפן הימל וואס איז געווארן מער און מער טינקעל. דאס ערשטע זאך וואס ער האט געדארפט טון איז דאווענען מנחה. נאכדעם וועט ער דארפן זוכן א שול וואן איינער וועט אים אפשר איינלאדענען צו עסן די סעודות און געבן א פלאץ צו שלאפן אויך. וואס וועט זיין? וואו וועט ער טרעפן פרומע מענטשן אין אזא מדבר?

אויב מען רעדט שוין וועגן א מדבר, לאמיר רעדען אין קורצן וועגן אין ענין פון דער פרשה וואס האט א שייכות צו ענייני דיומא און צו דעם היינטיגען מעשה. די תורה הייבט אן די וואך צו דערציילן די רייזעס פון די בני ישראל אין די פערציג יאר אין דעם מדבר. עס זענען פארגעקומען שווערע נסיונות פאר די אידן אין דעם מדבר, און ליידער זענען אסאך פון די בני ישראל נכשל געווארן. אבער מיט אלע שווערע צייטן אין די מדבר איז דער אידישער פאלק געבליבן גאנץ. און צום סוף, האבן די בני ישראל זוכה געווען אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. די עיקר מוסר השכל וואס מען קען ארויסנעמען פון די פרשיות אין ספר במדבר איז אפשר אזוי: טאמער אידן וועלן היטן די תורה איז גלות, וואס איז צוגעגליכן צו א מדבר מיט אלע שוועריגקייטן און נסיונות, דעמאלט וועלן מיר אלע זוכה זיין מיט דעם אייבערשטענ'ס העלף אריינצוגיין אין ארץ ישראל. לאמיר צוריקגיין צו אונזער מעשה...

ווען דוד האט געענדיגט דאווענען מנחה, האט ער אנגעהויבן ארומצוגיין האפענדיג אז ער וועט געפירט ווערן פון הימל צו דעם ריכטיגען ארט. ער איז געגאנגען לעבן א מענטש וואס איז געשטאנען לעבן א קאר און דוד האט באמערקט אז יענער טראגט א גאלדענע קייטל מיט די אותיות "חי" אויף עס. דוד האט גלייך דערקענט אז יענער מענטש איז א איד, און דוד האט אים געפרעגט אויב ער וויסט וואו איז אן ארטאדאקסישע שול אין דעם געגענט. יענער איד האט געזאגט אז עס איז דארט געווען אן שול אין דעם געגענט און ער האט מסביר געווען צו דוד וואו עס איז.

דוד איז געגאנגען אויפן וועג צו דעם שול, נישט וויסענדיג אפילו ווי פרום א פלאץ ער וועט טרעפן. אויפן וועג האט ער פלוצלינג באמערקט איינעם וואס איז געקומען קעגן אים שנעלערהייט... *המשך יבוא.*

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים,
רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362–3234 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**